מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון ס"ו - פר' תולדות תשפ"א •

## די נושא פון חברים

### "נר דולק על ראשו"

מיר שטיין אין פרשת תולדות ס'איז ידוע, אז איינע פון די פשטים, "ויתרוצצו הבנים בקרבה", וואס רש"י זאגט, איז אז יעדער איינער פון די ברודער יעקב מיט עשו איז געווען מפרכס לצאת. ס'איז באקאנט, די באוויסטע קושיא - וואס פרעגט זיך- אויף די מלחמה פון יעקב מיט עשיו, כל זמן מ'קומט נאך נישט אויף די וועלט, לערנט מען דאך תורה ביי א מלאך, איז אויב אזוי וואס האט יעקב געוואלט ארויסלויפן?! שטייט דאך "נר דולק על ראשו" ער איז מקבל תורה, איז דען דא א געשמאקערע זאך ווי זיצן מיט א מלאך און לערנען תורה?!

### די סוגיא פון חבר טוב

נאר ס'איז דא א באוויסטע ווארט, אז אפילו מ'קען זיצן און לערנען תורה ביי א מלאך, אבער זיצן צוזאמען און לערנען מיט א שלעכטע חבר - איז בעסער נישט צו לערנען תורה פון א מלאך!

לאמיר א ביסל פארשטיין, וואס איז דאס אונז נוגע למעשה? דער בית ישראל פלעגט זאגן, ווען ס'איז געווען ביי עם א בחור, און ס'איז געווען ביי עם אסאך מאהל בחורים, פלעגט ער זאגן: 'גוטע חברים! מ'דארף אלעמאל זוכן גוטע חברים!'. למעשה, איז דאס באוואסט, אין פרקי אבות, פרק ב' משנה ט', די סוגיא פון חבר טוב, און דאס פארקערטע פון חבר טוב, די גאנצע סוגיא דארט.

### פניו מאירים בשבתו עם חבירים

איינע פון די יסודות וואס דער 'מאור ושמש' קאכט שטארק, איז מיט דעם יסוד וואס דער 'בעל שם טוב' האט אויסגעלערנט: אז מ'זאל זיצן מיט חברים, די עבודה איז נישט זיך צו פארמאכן, און נישט האבן שייכות מיט יענעם, נאר פארקערט די עבודה איז צו האבן חברים. נישט צו דינען דעם אויבערשט'ן פאר זיך אליין, נאר דייקא מיט נאך אידען - למעשה, ביז די צייט פון די בעל שם איז געווען זייער א שטארקע סארט זאך, א מושג פון מענטשן וואס זענען פארמאכט, 'בינם לבין קונם', און געהאט א גרויסע 'עבודה' צו דינען השי"ת אויף אן אופן וואס קיינער וויסט נישט פון דעם. און ביי חסידים תלמידי הבעש"ט האט מען געמאכט צוזאמען. מ'איז געזעצן צוזאמען, מ'האט געדינט דעם אייבישטער צוזאמען, זיך דורכגערעדט צוזאמען, זיך געמוטשעט צוזאמען, זיך געפריידט צוזאמען, אלץ האט געארבעט צוזאמען.

קומט אויס, אז במידה מסויימת האט מען ביי חסידים זייער שטארק - יא געארבעט צו האבן חברים!

### ווי אזוי גייט מען צו צי דעם נושא פון חברים?

אבער אף על פי כן, ווי אזוי גייט מען צו צי דעם נושא פון חברים? פארשטייט זיך אז די ערשטע זאך דארף מען בודק זיין טאמער מ'רעדט דא טאקע וועגן א 'חבר טוב' אדער חלילה פארקערט, איז ממילא די הגדרה איז אזוי: אויסערדעם וואס יעדער איינער דארף אכטונג געבן אז דער חבר זאל זיין א 'חבר טוב' - דארף ער אויך אכטונג געבן אז ער זאל זיין פאר דיר א גוטע חבר. אלע אידן זענען טאקע פיין, אבער ס'מוז נישט זיין אז די חבר'שאפט פון דיר מיט עם איז גוט פאר דיר. ס'איז א חבר, אבער ס'וועט נישט ארויסקומען פון דעם 'טוב' איז קען זיין אז פאר דיר ס'איז נישט קיין גוטע חבר.

### די כח פון א חבר

אבער, מיר זעהן, מען דערציילט ביי חסידים צוויי אינטערסאנטע מעשיות:

איין מעשה, ס'איז געווען א חסיד וואס ס'איז אונטערגעקומען צו עם א נסיון, און ער האט געטראכט, אז אויב ער וועט זיך נישט שטארקן צו זיך מתגבר זיין אויף די נסיון, איז ווען ער

וועט אריינגיין שפעטער צום רבי'ן וועט די רבי מרגיש זיין אויף עם אז ער איז נכשל געווארן. האט ער מחליט געווען: 'איך וועל נישט גיין צום רעבן'. אבער שפעטער האט ער געטראכט: 'ווי אזוי וועל איך מוותר זיין אויף די חברים, די חברים וועלן מרגיש זיין אז עפעס טוט זיך מיט מיר'. און ער איז גראטעווועט געווארן.

א צווייטע מעשה, מ'דערציילט ביי חסידים, אז ס'איז געווען צוויי חסידים וואס איינער פלעגט קומען אסאך צום רעבן. און די צווייטער איז געקומען גאנץ ווינציג. אבער, דער וואס איז געקומען גאנץ ווינציג האט געהאט מיט זיך חברים, דארטן אין שטאט. און דער וואס איז געקומען גאנץ אסאך האט נישט געהאט חברים. און דער וואס איז געקומען אסאך האט נישט אזוי מצליח געווען אין עבודה ה' אזוי ווי די צווייטער וואס האט געהאט ארום זיך חברים.

***א חבר הייסט 'נפשו'***

ס'איז דא א באוויסטע ראיה פון איוב - כביכול, הקב"ה האט געלאזט אלעס טועהן פאר איוב, אלע צרות וואס ס'איז נאר געווען. אבער נישט טשעפען זיין נפש. איז דא די באוסטע קושיא - טאמער איוב, האט פארלוירן אלע זיינע טייערע זאכן, ער האט דאך געהאט זיין ווייב מיט זיינע קינדער, אלע זיינע נכסים - אלץ האט מען עם צוגענומען. איז פארוואס האט דער שטן נישט צוגענומען זיינע חברים? אלא מאי, די הגדרה איז אז די חברים הייסט שוין זיין 'נפש'! זיינע ווייב מיט די קינדער איז נישט געווען זיין נפש, זיינע נכסים אין נישט זיין נפש. אבער חברים הייסן שוין זיין 'נפש'.

חברים הייסט 'נפשו' האט ער נישט געקענט טשעפען זיינע חברים! עד כדי כך, ווי ווייט דערגרייכט די נקודה פון א חבר!

***נקודת חבר -איך בין בטל צו עם***

ווי אזוי גייט מען צו, צו די נקודה פון א חבר? א חבר איז דער טייטש אז איך בון בטל צו עם! נישט נאר אז איך לערן זיך פון עם, דאס איז דער טייטש אז איך וויל האבן פון עם א תועלת, מ'וועט דאס רופן "אהבה התלויה בדבר". נאר עצם דאס אז איך בין עם מעריך, איך שעץ עם, איך בין בטל צו עם - דאס איז א נקודת חבר.

ווייטער א נקודת חבר איז אסאך מאהל אסאך אסאך טיפער. עד כדי כך, אז ביי חסידים האט מען געזאגט: אז וואס א רבי קען נישט פוילן, קענען חברים יא פוילן. אזוי ווי מ'האט אנגעהויבן און אנהייב פון די מעשיות. אז חברים קענען עם ראטעווען פון כל מיני זאכן און חברים קענען אויספוילן פאר אידן ישועות, אמאל מער ווי א רבי אליין!.

***ס'איז נישט דא אזא זאך,***
***נישט קיין גוטע איד***

פארשטייט זיך, אז די ערשטע זאך דארף יעדער איד ארבעטן אויף זיך, אז ער זאל זיין א גוטע חבר פון זיינע חברים...

שנית, זיך באמת אכטונג געבן, און טראכטן - נישט יעדער איינער איז פאר מיר פאסיג. מ'דארף טאקע ליב האבן יעדער איד, און יעדער איד איז חשוב. און ס'איז נישט דא אזא זאך אויף די וועלט ווי א שלעכטער איד. טאמער א איד טוט שלעכטס איז דער טייטש - ס'איז יעצט עם עפעס שלעכט.

ווייל די גמרא אליין זאגט "רצוננו לעשות רצונך" - דאס איז אלע אידן בלי יוצא מן הכלל!!

נאר ביי יעדן איז פארהאנען דער "שאור שבעיסה" יעדער איינער האט אן אנדערע סארט שאור. איינעם גייט נישט אזוי גוט ווייל ער מאכט נעבעך עפעס מיט אין שטוב - און אינדרויסן געבט ער דאס ארויס מיט כל מיני זאכן, וואס ער פראבירט אנטלויפן פון דעם. זה בכה וזה בכה, זה בגשמי וזה ברוחני. איינער דער נפש און איינער די רוח - יעדער איינער מיט זיין פעקל...

אבער ס'איז נישט דא אזא זאך, נישט קיין גוטע איד - נאר? ס'איז דא אזא זאך א איד וואס מוטשעט זיך, ער ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן. איז נישט דא דער ענין פון ח"ו קוקן אויף עם שלעכטס, אבער, פאר דיר וועט נישט זיין קיין תועלת, פאר דיר איז ער א חבר וואס וועט נישט ברענגען טוב, איז ער נישט קיין חבר טוב! ס'איז דא מענטשן וואס פאר זיי קען דאס אפשר יא ברענגען טוב - ווען יענער וועט האבן מיט עם צו טיעהן וועלן זייביידע בעסער מחזק זיין, און פארקערט זיך דערנענטערן צום אויבערשטן.

יעדער איינער דארף **בוחר** זיין, און **בוחן** זיין, אפלערנען צי די חבר וועט עם ברענגען צו 'טוב', צי די חבר וועט עם נישט ברענגען צו 'טוב'.

***מתפלל זיין מ'זאל זוכה זיין צו 'חבר טוב'.***

און מ'דארף מתפלל זיין אויף דעם, ווי אונז זאגן ביים דאווענען "והרחיקנו מאדם רע ומחבר רע ודבקנו ביצר הטוב ובמעשים טובים". און דער לשון פון גמרא דארטן: וואס האבן געבעטן 'חבר טוב' זאל זוכה זיין צי 'חבר טוב'.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן זיין א גוטע חבר פאר אונזערע חברים. דער אייבישטער זאל אונז מזמין זיין אונז זאלן האבן גוטע חברים, און אזוי דינען דעם אייבישטער ווי ס'דארף צו זיין.

# נקודת האמת

אין די פרשה זעהט מען אן אינטערעסאנטע זאך, די מעשה מיט די ברכות. יעקב אבינו טוט השתדלות ביז ער נעמט ארויס די ברכות פון יצחק אבינו. און למעשה, נאך פאר דעם איז דא אז יעקב אבינו נעמט ארויס פון עשיו די בכורה, דורכדעם וואס ער טרעפט א שמאלע מינוט וואס עשיו שטייט ער וויל עסן, איז מיט א נזיד עדשים געבט ער א דרעלעווע ארויס, א געבט א נעם ארויס פון עם די בכורה.

למעשה, איז דא דא צוויי יסודי'שע נקודות וואס מ'קען ארויס נעמען פון די פרשה. ס'איז דא אזא זאך, זיך ניצן מיט'ן היפוך פון טוב - לטובת דעם טוב. (מ'וועט דאס באלד מסביר זיין). ס'איז דא אזא זאך 'מעלה' זיין - דערהייבן דעם היפוך הטוב אויף טוב.

**נוצן זאכן, וואס קוקט אויס אז ס'איז רע**

איך וועל מסביר זיין. ס'איז דא אמאל וואס א מענטש דארף נוצן זאכן, וואס קוקט אויס אז ס'איז רע - ס'איז א זאך וואס דער אייבישטער האט נישט ליב, אזוי קוקט דאס אויס... ס'איז שקר - ס'איז היפוך פון אמת וכו' וכו' - און באמת איז אז ניין, פונקט פאקערט! דאס וויל יא דער אייבישטער יעצט, זאלסט אזוי און אזוי טועהן. (באלד וועט מען זעהן ווי אזוי פארשטייט מען דאס אין א גישמאקע אופן).

און ס'איז דא אמאל וואס א מענטש האט נאטורן, ער האט זאכן וואס ס'איז היפוך פון טוב, און ער איז דאס מעלה צום טוב.

**אמאל דארף מען ארויס גיין אביסל פון תמימות**

ס'איז דא א'-מאור ושמש' אין פרשת נח, אז איינמאהל שטייט "נח איש צדיק תמים", און איינמאל שטייט "כי אותך ראיתי צדיק לפני" און עס שטייט נישט תמים. געבט ארויס דער הייליגער 'מאור ושמש' א נקודה, אז ער האט געדארפט אביסל זיך אויסלערנען די רמאות פון די וועלט, ער האט געדארפט ארויס גיין אביסל פון זיין תמימות כדי צו באמת בויען און אויפשטעלן די אלע בני נח - אראפברענגען א וועלט, האט ער געדארפט אביסל ארויס גיין פון דעם תמימות, און זיך ניצן מיט ערמימות.

אזוי ווי ביי לבן שטייט "אחי הוא ברמאות" - אז יעקב אבינו האט געוויסט: 'מ'דארף דאס אמאל ניצן'...

דער רבי ר' ברוכ'ל זאגט א יסוד "שדכן איז ראשי תיבות, "שקר דובר כסף נוטל". מ'מעג זאגן שקר? עס שטייט דאך "מדבר שקר תרחק". גייט ער אריין אין א הסבר, אין א יסוד אז אמאל, כדי זאל ווערן אזא הייליגע זאך וואס הייסט א שידוך - דארף ער ניצן דעם ענין פון היפך האמת און זאגן א שקר - יא! און באלד וועט מען זעהן אז אמאל די נקודת השקר, א זאך וואס קוקט נישט אויס אמת - איז דאס רצון ה', הייסט דאס יא גוט.

**אפנארן דעם יצר הרע.**

ווי צדיקים זענען מסביר, אז שטייט אין גמרא דוד המלך פלעגט זאגן "כל יום הייתי אומר לבית פלוני אני הולך למקום פלוני אני הולך ורגלי מוליכות אותי לביהמ"ד", אז ער האט כאילו אפגענארט דעם יצר הרע. ער האט עם געזאגט: 'איך גיי אויף ביזנעס, איך גיי טועהן דאס, איך גיי טועהן יענס'. האט ער עם ארויסגעלאזט. נאכ'ן ארויסלאזן איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד.

ס'איז ידוע פון א קארלינער חסיד וואס פלעגט אלעמאל צוזאגן פארן יצה"ר, ווען ער האט עם נישט געלאזט ארויסגיין פון בעט, (נאך אלץ, ביסט שלייפעריג וכו' וכו'...) האט ער עם געזאגט: 'דו ביסט אסאך עלטער פון מיר, ס'איז קאלט, בלייב אינטער די דאכענע'. האט ער עם געענטפערט: 'דו ביסט אזוי אלט, געב איך דיר אוועק מיין בעט, גיי דו אינטער די דאכענע...'.

א אנדערע נקודה וואס ער פלעגט זיך צוגעזאגן, עפעס א גוטע עולם הזה. און למעשה ווען ער איז ארויס, האט ער געזאגט: 'דו מיינסט אז איך וועל דיר פאלגן?! איך וועל נישט פאלגן, איך גיי נישט מאכן די עולם הזה'. דאס איז א נקודה פון ניצן עפעס וואס קוקט אויס א ליגנט - אויף צד הקדושה.

**'מעלה זיין מידות'**

ס'איז דא אבער א צווייטע זאך, ס'רופט זיך 'מעלה זיין מידות'. א מענטש האט א מידת הכעס, און ער ניצט דאס אויס אויף "אוהבי ה' שנאו רע", די שנאה צי שלעכט'ס. אדער די מדה פון נייגעריגקייט נוצט ער אויס צו ידיעת התורה. אדער די מדה פון אסאך רעדן - נוצט ער אויס צו דברי תורה, און צוגעבן גוטע ווערטער פאר מענטשן.

אמאל, ס'איז ידוע אז צדיקים האבן געזאגט אז מידת הכפירה איז געמאכט געווארן, אז ווען ס'קומט צו חסד פאר אידן, אויף דעם איז באשאפן געווארן: יעצט זאג נישט אז דער אייבישטער קען עם העלפן - נאר גיי העלף עם! א באוויסטע זאך.

נאך מער, ס'איז דא אזא זאך פון 'משקר זיין וועגן דרכי שלום', און ס'איז געפאסקנט אזוי. אדער א תלמיד חכם איז דא אזא זאך: 'המשנה בדיבורו' אין דריי זאכן, וואס איז טאקע דער היתר, און וואס איז דער יסוד.

**"תתן אמת ליעקב".**

נאך מער, אונז ווייסן "יעקב" איז א לשון "ויעקבני זה פעמיים" - דאס איז דער טייטש אז ער האט געטוען דא עפעס א סארט שווינדל, א זאך וואס קוקט נישט אויס אמת. און אונז ווייסן א יסוד "תתן אמת ליעקב". יעקב איז מידת האמת! איז דאס יעקב אדער אמת?! נאר די נקודה וועט דאס צואמנעמען אין איין ווארט:

### 'אמת' און 'אמת לאמיתו'

ס'שטייט אין ספרים הקדושים, ס'איז דא אזא זאך, 'אמת' און 'אמת לאמיתו'. 'אמת' איז נארמאל מידת האמת, אמת וואס אלע זעהן און אלע פארשטיין - ס'איז קלאר ביי אלעמען אז דאס איז אמת. 'אמת לאמיתו' איז פון אינדרויסן זעהט מען נישט דעם אמת. אבער לאמיתו של דבר - ווייל דער אייבישטער הייסט אזוי און אזוי טועהן, אזוי און אזוי זאגן. און וואס הייסט אמת? וואס דער אייבישטער וויל, דאס הייסט אמת! וואס דער אייבישטער הייסט צו טועהן, דאס הייסט אמת! אפילו ווען ס'קוקט נישט אויס אמת, דאס הייסט אמת!

ממילא למשל, דער 'משנה בדיבורו מחמת דרכי שלום' - ער האט נישט א עבירה פון שקר, איי, ס'קוקט אויס נישט אמת - אבער ס'איז אמת לאמיתו. דאס איז דער שורש האמת, וואס דער אייבישטער אליין וויל יעצט. און דאס איז דער רצון, 'איך זאל אזוי זאגן' - איז נישט דער טייטש אז איך האב א עבירה. און אויכעט נישט די נקודה פון "דובר שקרים לא יכון לנגד עיני". ווען איז ער א 'דובר שקרים'? ווען ס'איז שקר און די תורה לאזט נישט.

אבער די מינוט וואס דאס איז א זאך וואס ס'איז טאקע נישט אמת, אבער ס'איז א שקר וואס די תורה הייסט דיר יעצט משקר זיין - איז 'יכון לנגד עיניו' - וואס איז בכלל די שאלה. פארוואס? ווייל דאס הייסט אמת לאמיתו, דער אייבישטער ווייסט אז דאס איז די נקודת אמת וואס דארף יעצט קומען אויף די וועלט.

### דער לימוד פון די פרשה

וואס קומט יעצט ארויס למעשה פון די פרשה? א מוירעדיגע יסוד: אז ס'איז דא מאהל'ן וואס מ'דארף ארויסגאנווענען פון דעם צווייטנ'ס צד. אמאהל איז דאס א מצוה. אמאל, אויב דער אייבישטער שיקט אינטער כל מיני סארטן זאכן - אמאל אין מידות, א מאל אין מעשים. וואס דער מציאות איז, אז יעצט קוקט דאס אויס - נישט אמת'דיג

'וואס קומט דא פאר'?! - ניין! ניין! זאלסט וויסן זיין אז דו זאלסט עס מעלה זיין, אז טאמער די תורה הייסט דיר יעצט טוען אזוי און אזוי, זאלסט דאס טוען, אבער נישט ווייל דו האסט יעצט א ירידה, נישט ווייל יעצט ביסטו גארנישט... נאר טאמער די תורה הייסט טועהן אזוי און אזוי, ביסטו א דערהויבענער פיינער איד. אפילו ס'קוקט נישט אויס אז דו ביסט באמת דבוק אין אויבערשט'ן?! דאס הייסט געדינט דער באשעפער?! - יא! ווייל ווען דער באשעפער הייסט אזוי טועהן, אפילו ס'קוקט נישט אויס - איז דאס נישט קיין ירידה, ס'איז א דביקות אין אויבערשט'ן.

און דאס איז "תתן אמת ליעקב". און אפילו ס'איז "ויעקבני זה פעמיים" - ער איז דער אמת'ע יעקב, און ער איז דער אמת!

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאל'ן זוכה זיין צו דינען דעם אויבערשט'ן באמת! און איינער פון די שווערסטע זאכן, איז נישט זיך אליין נארן... נישט משקר זיין לעצמו, זיך נישט אליין אפנארן, זיך נישט אליין זאגן א ליגנט. און דינען דעם אויבערשט'ן מיט א נקודת אמת, דער כוח פון יעקב, "תתן אמת ליעקב" - וואס דאס איז סיי תורה, סיי דיבור אמת. א מחשבה, דיבור, מעשה של אמת, זיין דבוק אין באשעפער אליין.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'


**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1